# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:19
מוצאי שבת קודש............8:51

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................דברי הימים-א ד'
בבלי.......................מנחות צ"ז
ירושלמי.............קידושין ל"ד
תוספתא..................פסחים ח'
רמב"ם...תפלה וברכת כהנים י"ג


פרשת תזריע מצורע, ב' דר"ח אייר, אבות פרק ב', שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 28 (747)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז דֶער עִיקָר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז "תְּפִלָּה", צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג', ט') **"כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"**.

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶס פֶעלְט אִים נָאךְ, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט טוּן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ, אוּן מֶען פִּילְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, מֶען פִּילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז, **נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם**, דִי נְגָעִים גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס דָאס מַאכְט אִים בְּלִינְד, נִישְׁט צוּ זֶען אוּן נִישְׁט צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִיק, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן מְשָׁרֵת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תַזְרִיעַ א')

**בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ.** אַ מְצֹרָע דַארְף זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנָה אַלֵיין אוּן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ד) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם, עֶר וִויל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַאן דַארְף עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אֵיינְמָאל מֶען נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ דַאן קְרִיגְט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַלֶעס הָאט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן.

דֶער מְצֹרָע אִיז דָאךְ גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, עֶר הָאט גֶעמַאכְט מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִיקוּן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי מַחֲנָה, עֶר זָאל זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט פִירְן קַיין מַחְלוֹקֶת, נָאר אֵיין זַאךְ קֶען עֶר טוּהְן, עֶר קֶען זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען רֶעדְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, **בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ**. וֶוען דֶער מְצֹרָע זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן אַלֵיין אִיז עֶר נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן פִירְן מַחְלוֹקֶת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תַזְרִיעַ-מְצֹרָע תשס"א לפ"ק)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז


<<<<<<


## א גוט ווארט

אַז דוּ ווִילְסְט פִירְן דַיין שְׁטוּבּ רִיכְטִיג אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְט נֶעמֶען דֶעם כְּלַל: "טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ", אוּן נָאךְ אַ זַאךְ: "גֶעבּ כְּסֵדֶר גוּטֶע וֶוערְטֶער"; דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען דִי סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ 'טַעֲנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ', מִיט דִי וַוייבּ טַעֲנָה'ט מֶען נִישְׁט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, מִיט דִי וַוייבּ פַארְבְּרֶענְגְט מֶען, מֶען רֶעדְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט, מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן מֶען הֶערְט אוֹיס אִירֶע קְרֶעכְצְן, אִירֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ'.

קֶענְסְט קוּמֶען רֶעדְן, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין אוֹיף דִי זַאכְן, דוּ וֶועסְט חַזְרְ'ן דִי בְּרִיוו – וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן קוּמֶען, דִי שְׁטוּבּ וֶועט שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן, עֶס וֶועט זַיין אֱמֶת'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דִי שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן, דִי מֵיידְל הָאט אָפְּגֶעזָאגְט – זָאל דִיר דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, עֶרְשְׁטְנְס דָאס אִיז נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, צְוֵוייטְנְס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ז; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה), אַז יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעדְט נָאר, אוּן זִיכֶער דִי שִׁדּוּכִים וָואס מֶען גֵייט שׁוֹין אַרוֹיס רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן – דָאס אַלֶעס אִיז אוֹיךְ אַ שְׁטִיקְל גֶעדַאנְק פוּן אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס מַאכְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ זָאל אָנְקוּמֶען גִיכֶער.

לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, דוּ מוּזְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, דוּ טָארְסְט זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים מִיט מִשְׁנָיוֹת, אוּן זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן גֵיי אַבִּיסְל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין רֵיין אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

כא. כְּשֶׁבָּאִין שְׁנֵי מִצְווֹת לְיָדְךָ, תַּעֲשֶׂה זֹאת הַמִּצְוָה שֶׁיֵּשׁ בָּהּ כְּפִיַּת הַיֵּצֶר יוֹתֵר. וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער צְוֵויי מִצְוֹת צוּ טוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ טוּן דִי מִצְוָה אוֹיף וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ מֶער.

כב. צְרִיכִין לְהִתְעַנּוֹת, כְּשֶׁמְּצַעֲרִין אֶת הַצַּדִּיק. וֶוען מֶען אִיז מְצַעֵר אַ צַדִיק, דַארְף מֶען פַאסְטְן.

כג. צַעַר הַלֵּב הוּא קָרוֹב לְהוֹרִיד דְּמָעוֹת. וֶוען דָאס הַארְץ טוּט וֵוי, בְּרֶענְגְט עֶס שְׁנֶעלֶער צוּ וֵויינֶען מִיט טְרֶערְן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶּה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דָן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַן הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דָן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת". אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּילֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דָן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ קוּקְן גוּט אוֹיף אוּנְז. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

אייבערשטער וויל נאר הערן ווי דו שרייסט "טאטע". עס איז דעריבער בעסער אז מען ווארט נישט ביז דער אייבערשטער דארף שיקן אזעלכע אומאנגענעמע מצבים וואס זאלן צווינגען דעם מענטש צו שרייען "טאטע". עס איז פיל בעסער אז ער שרייט שוין "טאטע" און רעדט צום אייבערשטן נאך פאר עס קומט א צרה, ווייל אלעס וואס פאסירט מיט א מענטש איז נאר ווייל דער אייבערשטער וויל ער זאל רעדן צו אים און שרייען "טאטע". דערנאך האט מען גוזינגען ארום די טישן און מען האט געטאנצן פאר א לענגערע צייט די שירה "ויושע ה' ביום ההוא". מען האט געטאנצן און געשפרינגען מיט א געוואלדיגע שמחה און מיט גרויס קראפט. אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך אפגעשטעלט און געזאגט: "שטעל דיר פאר, מען גייט יעצט ארויס, מען שטייט דא נאכדעם וואס מען איז יעצט אדורך דעם וואסער. וואלסטו דען געטאנצן אזוי פארשלאפן? דו וואלסט דאך געטאנצן מיט דיין גאנצע כח - יעצט בין איך אדורך דעם ים סוף!" הערנדיג דאס, האט דער גאנצער עולם אנגעהויבן טאנצן נאך פיל שטארקער מיט א פרישע חיות.

דעם צווייטן טאג יום טוב, אחרון של פסח, האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט אינדערפרי זוהר הקדוש פאר א לענגערע צייט, דערנאך האט מען פארגעלערנט פונעם סידור "עת רצון", דער פירוש וואס מוהרא"ש האט געשריבן אויפן סידור, וואו מען האלט יעצט ביי קריאת שמע. דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען. עס איז געווען א גאר ווארעמע דאווענען, און א זייער געשמאקע הלל, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לייגט עס אראפ. נאכדעם איז צוגעשטעלט געווארן א גרויסער קידוש וואו מ'האט זיך געמישט, אזוי ווי דער מנהג איז אז אחרון של פסח מישט מען זיך. דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דאס וואס שטייט אין די הפטורה, אז ווען משיח וועט קומען וועלן זיך אלע חיות קענען אויסקומען צוזאמען, "וגר זאב עם כבש" און אזוי ווייטער. דאס גייט אויך ארויף אויף אידישע קינדער, אז מ'דארף לעבן צוזאמען, אפילו איינער איז אזא סארט מענטש און דער צווייטער איז אן אנדערע סארט. בפרט אין שטוב, האט דער ראש ישיבה געזאגט, איז זייער וויכטיג דאס צו געדענקען; אז אפילו אויב מ'איז פון אן אנדערע סארט אדער מ'איז נישט די זעלבע טיפ, דאך האט מען זיך ליב און מ'לעבט צוזאמען מיט שלום - דאס איז די וויכטיגסטע זאך.

שפעטער איז מען זיך צאמגעקומען צו משיח'ס סעודה. דער ראש ישיבה שליט"א האט שיין אויסגעשמועסט דעם טעם פארוואס מ'קומט זיך צאם, נעמליך ווייל דער הייליגער בעל שם טוב איז דעמאלט געראטעוועט געווארן. עס איז געווען אחרון של פסח בשעת ער איז געפארן קיין ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן אור החיים הקדוש כדי צו ברענגען משיח, און ער איז עטליכע מאל געראטעוועט געווארן אויפן וועג. דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעשמועסט די גאנצע מעשה מער באריכות, ווי אדל האט טאקע געבעטן אז מ'זאל איר לאזן לעבן און איר נישט ארייניווארפן אין וואסער, נאר ענדערש ארייניווארפן די כתבים; דאס איז ווייל פון איר וועט ארויסקומען אן אייניקל וואס וועט שרייבן גאר שיינע תורות וואס וועלן מחיה זיין די גאנצע וועלט, וואס דאס גייט ארויף אויפן הייליגן רבי'ן. דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט וואס דער רבי האט געזאגט, אז צווישן אים און משיח איז נישטא קיין חילוק; דער איינציגסטער חילוק איז נאר, אז ווען משיח וועט קומען וועט שוין נישט זיין קיין בחירה און יעדער וועט עס אננעמען, אבער יעצט איז נאך דא א בחירה צי מ'זאל אננעמען דאס וואס דער רבי זאגט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעצט קאכט זיך מיט די מלחמה צווישן אמעריקע און איראן, און אזוי ווייטער זענען דא מלחמות איבער די וועלט, און מענטשן קענען מיינען אז דאס איז טאקע דער וועג וויאזוי משיח וועט קומען – דורך מלחמות, וואו איינער וועט אויפקומען מיט שטערקערע געווער פונעם צווייטן, און אזוי וועט משיח אנקומען. אבער דער רבי האט געזאגט אז משיח וועט איינעמען די וועלט אן קיין איין שאס פולווער. עס וועט אריינקומען אזא מין רוח טהרה און אזא שטארקע אמונה אין די וועלט, אז יעדער איינער וועט איינזען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. מען וועט קענען פארגינען פאר א צווייטן אז יענער זאל אויך האבן א לאנד; מען וועט נישט דארפן מלחמה האלטן מיט קיינעם, נאר מען וועט פארגינען יעדן איינעם. אזוי וועט זיין שלום אין די גאנצע וועלט אן קיין שום מלחמות. דאס וועט זיין משיח'ס ארבעט: אריינברענגען אמונה אין די גאנצע וועלט.

דערנאך האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן "חסל סידור פסח" מיט א געוואלדיגע ברען, און צוגעענדיגט מיט "לשנה הבאה בירושלים". און מיט דעם האט זיך דער שיינער און הערליכער יום טוב געענדיגט מיט א גאר געשמאקן טעם.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# לָאזְן דָאס קִינְד פַּארְפִירְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַּאר דִי שְׁטֶענְדִיגֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען כְּסֵדֶר, פוּן יֶעדֶעס וָוארְט, יֶעדֶע שִׁיעוּר, יֶעדֶע בְּרִיוו, יֶעדֶע גִלְיוֹן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פַּאר לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אוּנְזֶער קִינְד פוּן צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, וָואס לֶעצְטְנְס מַאכְט זִיךְ יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אוּן עֶר וִויל עֶנְדֶערְשׁ דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ נַאשׁ, אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט, הוֹיבְּט עֶר אָן וֵויינֶען אוּן פַּארְפִירְן מִיט קוֹלוֹת.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוּנְז גֶעבְּן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים, וָואס מִיר דַארְפְן צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ", שְׁטְרָאף דַיין זוּן, "וִינִיחֶךָ", וֶועט עֶר דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת, "וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", עֶר וֶועט דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן גוּט.

אַז מֶען זָאגְט פַּארְן קִינְד צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אוּן עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען, אָדֶער עֶר בֶּעט אַ נַאשׁ אוּן דִי עֶלְטֶערְן פַּארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט צוּ גֶעבְּן אוּן דֶער קִינְד הֵייבְּט אָן פַּארְפִירְן - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַּארְלוֹירְן, מֶען בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט. מֶען לֶערְנְט אוֹיס צוּ פָאלְגְן בִּיז דִי קִינְדֶער וֶוערְן מְחוּנָךְ צוּ פָאלְגְן אוּן צוּ וִויסְן אַז נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען וִויל - בַּאקוּמְט מֶען.

הָעִיקָר אִיז תְּפִילָה, בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג אוּן גֶעזוּנְט. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַּאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"ו)

# הֶעלְפְן עֶלְטֶערְן

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט נִישְׁט צוּרִיק דַיין וַוייבּ פוּן גֵיין הֶעלְפְן אִירֶע עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן עֶנְקֶער לֶעבְּן; וַוייל דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן עֶלְטֶערְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְווֹת וָואס מִיר הָאבְּן.

זַיי מְחַזֵק זַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין הֶעלְפְן אִיר אַלְטֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן, עֶנְק וֶועלְן גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן, עֶנְק וֶועלְן גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט נַחַת בַּיי עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, אוּן מִיט אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, מִיט גֶעזוּנְט אוּן פְרֵייד.

וִוי לַאנְג מֵיינְסְטוּ הָאט מֶען בִּכְלַל אִין לֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ טוּן דִי מִצְוָה? עֶס לוֹינְט זִיךְ יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען קֶען הֶעלְפְן עֶלְטֶערְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן. שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּן דִי מִצְוָה, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן צוּ בֶּענְקֶען, מֶען בַּאוֵויינְט דִי טֶעג אוּן יָארְן וָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט בַּאדִינְט.

אוֹיךְ דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע, גֵיי אַרִיבֶּער, זֶע וָואס דוּ קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"ו)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **דוד פוקס** שליט"א וויליאמסבורג
**חשובער מלמד אין אונזערע הייליגע מוסדות**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נפתלי גאלד** הי"ו בית שמש
**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש בית שמש**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי איידליס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נפתלי הערש פארקאש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **בערל שווארץ** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו לינדן
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם פישמאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יואל יצחק לעבאוויטש** הי"ו בית שמש
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **ישעי' האלצער** הי"ו קרית יואל
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם צוויבל** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

# הערליכע יום טוב פסח אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

א הערליכער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי. די ערשטע טעג יום טוב זענען געווען גאר שיין, געשמאק און ווארעם, מיט די הערליכע תפילות וואו דער ראש ישיבה שליט"א איז צוגעגאנגען צום עמוד און פארגעזאגט הלל. דעם ערשטן טאג יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א זייער שיין פארגעזאגט "טל" מיט א געשמאק און מיט א מתיקות. נאכ'ן דאווענען איז נישט פארגעקומען קיין קידוש, ווי דער מנהג איז אז מ'מישט זיך נישט.

דורכאויס די טעג פון חול המועד איז יעדן טאג פארגעקומען א הערליכער דאווענען אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. זונטאג חול המועד האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א הערליכן שיעור; קודם האט מען געזינגען שיינע פסח'דיגע ניגונים, און דערנאך האט מען געהערט דעם הערליכן שיעור פונעם ראש ישיבה, וואו מען האט ארומגערעדט אז מ'דארף זיך מורא'דיג פרייען אז מ'האט געהאט די זכיה צו קענען עסן מצה און אפרעכטן שיינע הערליכע סדרים, דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך ארומגערעדט איבער די חשיבות פון מצה, אז יעדע שטיקל מצה איז א רפואה; א מינוט נאך יום טוב האט שוין נישט די מצה די אלע סגולות. עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז ביי געוויסע מענטשן וואס זענען דורכגעגאנגען דעם ראש ישיבה און האבן געהאט געוויסע קריצן אויפ'ן שטערן וכדומה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דורד'ן עסן מצה קען עס אראפגיין און מ'קען ווערן אויסגעהיילט.

שביעי של פסח ביינאכט איז מען זיך צוזאמגעקומען אין דעם גרויסן שול, וואו מ'האט געזונגען פסח'דיגע ניגונים פאר א לענגערע צייט. דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגעטיילט פאר יעדן פערזענליך א כוס וויין. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז א גרויסער עולם האט זיך אהערגעשלעפט ווייל זיי דארפן פרנסה, און דאס איז דאך די באקאנטע סגולה פון שביעי של פסח, ווען מען איז אריבער דעם ים און דארט איז געווען די גרויסע ביזת הים. מען זעט טאקע אז א גרויסער עולם קומט ווייל זיי ווילן זוכה זיין צו האבן ביזת הים. אבער, אז מ'האט געלט איז עס נאך נישט אלעס; די אידן האבן געהאט אסאך געלט דארט אין מדבר, אבער זיי האבן גארנישט געקענט טון דערמיט, זיי האבן עס פשוט נישט געדארפט. זיי האבן געהאט עסן פונעם אייבערשטן, און די ענני הכבוד האבן אויסגעוואשן זייערע וועש. וואס האבן זיי שוין געקענט טון מיט די אלע הויפנס פון ביזת הים? עס האט זיי נישט צופיל געהאלפן, דער עיקר דארף מען זען מיטצונעמען די אמונה, גלייבן אינעם אייבערשטן, און זען דעם נס וואס דער אייבערשטער האט געטון. קיינער האט נישט געקענט טראכטן אז מען וועט שטיין ביים וואסער און דאס וואסער וועט זיך שפאלטן. זיי האבן געקענט טראכטן אז אפשר וועלן די מצריים מאכן שלום מיט זיי, אדער אז זיי וועלן חלילה אויסגע'הרג'עט ווערן – אזעלכע מחשבות האבן זיי געקענט האבן. אבער צו טראכטן אז דאס וואסער וועט זיך פלוצלינג שפאלטן, דאס איז שוין קיינעם נישט ביינגעפאלן, דא זעט מען קלאר אז דער אייבערשטער פירט די וועלט; דער אייבערשטער האט געוויזן אז עס איז נישטא קיין טבע, עס איז נישטא קיין מקרה, און עס איז נישטא קיין מזל. און דאס דארף מען אין זיך אריינעמען; מ'דארף אריינעמען אין זיך די אמונה אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. מ'דארף אלעמאל בעטן פונעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט די באקאנטע משל פון חז"ל: א קעניג האט געהאט א באליבטע טאכטער און ער האט איר חתונה געמאכט. נאך די חתונה איז זי מער קיינמאל נישט געקומען באזוכן דעם טאטן. דער טאטע האט זיך זייער געבענקט, האט ער געשיקט מענטשן זאלן איר גיין דערשרעקן. זיי האבן זיך פארשטעלט מיט מאסקעס, אנגעטון אין שווארץ, און זי איז געווארן זייער דערשראקן. דער טאטע האט אפגעשמועסט אז ער וועט שטיין אין די זייט, און ווען די טאכטער וועט שרייען, וועט ער ארויסלויפן איר ראטעווען. אזוי איז טאקע געווען; זי האט געזען ווי דער טאטע שטייט אין די זייט, האט זי א געגעבן א שריי: "טאטע, ראטעווע מיך פון די שלעכטע מענטשן וואס ווילן מיר דא שלעכטס טון!" איז ער געקומען און איר געראטעוועט, און ער האט איר געזאגט: "קינד מיינס, דאס איז אלעס נאר געווען אונטערגעשטעלט. איך האב דאס אונטערגעשטעלט ווייל איך האב געזען אז דו קומסט נישט צו מיר". דאס זעלבע איז געווען ביים ים. די אידן זענען ארויס פון מצרים און האבן שוין פארגעסן פונעם אייבערשטן און פון די נסים וואס ער האט געטון. האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז די מצריים זאלן זיי נאכלויפן, כדי זיי זאלן נאכאמאל דארפן שרייען צום אייבערשטן; דעמאלטס האט דער אייבערשטער געזאגט: "יא, יא, איך בין דא." דאס זעלבע גייט אדורך אויף יעדן מענטש אין יעדן מצב; דער

<<<<<<

## נוסח שבת ויום טוב

הערט די נוסח פון שבת ויום טוב הערליך
אראפגעזינגען, רוב דערפון אן קיין מוזיק;
דאווענען, קידוש, זמירות, ניגונים, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 6, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,**
**סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**